# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Ofgang afn Dnyeper


**Markiš, Perec D.**
**מאַרקיש, פּערעץ**



**Mosḳṿe, 1937**


7


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240**



Visual Library

## 7

דאָס ערשטע מאָל ט׳געטראָפן מיט טרובאַנ
פונ זינט דעמ קריג, פונ זינט דער רעוואָליוציע,
מע זאָל באַ אימ אונטער דער האַנט
א פערד אוועקפירנ אזוי-אָ פלוצעמ.

ער האָט אליינ זיכ שמייכלענדיק געפרעגט
אונ אפנ קאָפּ געטראָפנ:
— געשיקט זיכ, אז ער איז אוועק?
געשיקט זיכ, אז ער איז אנטלאָפנ?

די אויגנ גיבנ אימ א לאָפּ,
די ליפּנ — שטיל עפּעס א בלעבל;
אונ אויסקלײַבנ זאָל ער א שטראָף,
האָט זיכ אוועקגעשטעלט זײַנ אייגנ לעבנ...

דערמאָנונגען געקלאַפּט האָבן און ראַשיק זיך געטריבן,
און פּלוצעם האָט א קלאַפּ זיך אין דער טיר דערהערט;
פאַרשוויצט און הייזעריק און מיט א כריפּע
באַוויזן האָט פאַר אים זיך אווראָם־הערש.

— ביסט דאָ? — ט׳א הייב געטאָן טרובא דעם קאָפּ, —
האָ־האָ; האָסט א שפּאַציר געכאַפּט? א ביסל זיך צעטויכעט?
נו, זיץ! נו, רו זיך אָפּ...
פאַרויכער!.. —

— כ׳האָב איַיך געבראַכט דאָס פערד, — האָט אווראָם־הערש געלאַכט, —
מע דאַרף עס אָנפּויען... ניט מער ווי מיט א האַלבן עמער!..
— נו, גוט, — האָט זיך א הייב געטאָן טרובא, — באַדאַנקען דיך דערפאַר?
האָסט עפּשער זיך געריכט דאָס פערד באַקומען פאַר א פּרעמיע?.. —

און אַז עס גיט זיך אווראָם־הערש א שטעל דאָרט צום פאַרהער,
און אַז עס גיט זיַין אויג מיט גרינקיַיט בראָנפנדיק א שניט:
— איר ווייסט, וואָס ס׳האָט א פערד אַזא די ווערט,
צי ניט?

און אַז עס גיט א גיי געראָטן זיַין פאַרהער,
איז גיט ער אַזא גלאַנץ — גאַנייוויש און געניט:
— איך וועל זיך נאָך מיט וואָראָשילאָוון פאַרוועטן אויסרייַטן א פערד,
נאָר אָן א זאָטל. זאָטלען — ניט!

און אַז עס גיט זיך אווראָם-הערש א שטעל אַפן פאַרהער:
— איך האָב אַזעלעכע ווי איר, טאָווארישטש, אויך געפירט אַפּ מיַינע
פערד, —

און אז עס גיט בא אימ די צונג א לֿאָז זיכ ווי אפ זייפ:
— און פראָקלֿאמאציעס געפירט פונעמ וואָקזאלֿ אפ זיי! —

טרייסלֿט אוורהאָמ־הערש פונ זיכ אראָפ דעמ זאמד,
פארשטעקט אינ גארטלֿ זיכ די פּאָלֿע.
און אז טרובא גיט אימ א פרעג: — א פארטיזאנ? —
איז ענטפערט אוורהאָמ־הערש: — א באלֿעגאָלֿע! —

האָט שמייכלֿדיק טרובא באטראַכט אימ
און אימ א זאָג געטאָנ מיט ניט פארשטעלֿטנ כיינ:
— נו, גוט. ס׳הייבט באלֿד זיכ, אָנ דיַינ וואכטע,
א בריגאדיר פארשפעטיקט ניט.
— איכ גיי!

מע זאָלֿ דעמ פערד ניט געבנ מערער פונ א האלֿבנ עמער,
ס׳איז נאָכ פארשוויצט פונ וועג... —
ער האָט מיט פריַיענ אָטעמ זיכ געטאָנ א נעמ אָנ
און איז אוועק.